בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פון חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת אֱמוֹר (באר"י בְּהַר)

255

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע״י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**

181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי בַּארוּאִיג אִיךְ מַיין וַוייבּ פוּן דִי פַּחַד פַאר אַ שִׂמְחָה? ........................א

פַאר'וָואס שְׁפִּיר אִיךְ אַ טַעַם נָאר אִין מִשְׁנַיוֹת, נִישְׁט אִין גְמָרָא? ..................ב

יֶעדֶער הָאט אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה, פַארְוָואס נָאר מַיין פַאמִילְיֶע אִיז צֶעטֵיילְט? ...ד

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ, וֶוען מֶען מַאכְט אַוֶועק דֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד? ..........ו

מֶעגְן גֶע'גֶט'ע עֶלְטֶערְן אוּנְטֶערְפִירְן אַ קִינְד אוּנְטֶער דִי חוּפָּה? ....................י

וֶועלְכֶע קָאלִיר קַאפְּל אִיז פַּאסִיג אָנְצוּטוּן אִינֶעם טָאג פוּנֶעם אָפְּשֶׁערְן? ..... יא

זָאל אִיךְ מְחַנֵךְ זַיין מַיין טָאכְטֶער אוֹיף צְנִיעוּת? .................................. יג

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס פַאר מַיין בַּר מִצְוָה? ................................ טו

פַארְוָואס דַארְף מַיין וַוייבּ נֶעמֶען עֵצוֹת פוּן אִירֶע חַבֵר'טֶעס? .....................יז

וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ? ................ יט

וָואס טוּ אִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער וָואס קוּקְן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן? .........................כ

אֶפְשָׁר זֶענְט אִיר מְעוֹרֵר אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן אַ שֵׁייטְל פַאר פְרוֹיעֶן? ....כב

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן אַזוֹיפִיל טְרַאכְטְן פוּן גֶעלְט? ..........כד

וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים בַּיים חֵדֶר-פִירְן אִין טָאג פוּן חַאלַאקֶע? ..................כו


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


תְּהִלִים גֶעבְּט כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן ..........................................................א

בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זָאל מֶען הָאבְּן גְרִינְג דָאס קִינְד .........................א

דִי סְגוּלָה פוּן זָאגְן מִזְמוֹר לְתוֹדָה..............................................ג

טוּט וָואס אִיז בַּאקְוֶועם פַאר אַייךְ..............................................ג

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין כְּבוֹד בֵּית הַמֶדְרָשׁ צוּ רֵייכֶערְן אִין שׁוּל.....................ד

קֶרֶן הַדְפָּסָה אִיז דַיינְ׳ס פִּינְקְט וִוי מַיינְ׳ס..............................................ה

אַנְטְלוֹיף פוּן דֶעם וָואס וִויל דִיךְ צוּרֶעדְן זִיךְ צוּ גֶטְ׳ן........................ו

אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט בַּיים דַאוֶונֶען, אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.....................ו

נִישְׁט זִיךְ נָאכְלָאזְן, נִישְׁט בְּלַייבְּן לִיגְן, נָאר זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן .....................ז

אַ שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין..............................................ח

דַיינֶע זִינְד זָאלְן דִיר נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין דֶערְנָאךְ....................ח

הֶעלְף אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם נֵייעֶם בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִין בָּארָא פַּארְק.....................ט

פוּן דִי וִויכְטִיגֶע זַאכְן פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן אַ שׁוּל, אִיז צוּ הַאלְטְן זְמַנִים ........י

עֶלְטֶערְן דַארְפְן אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ טוּן וָואס מֶען דַארְף............... יא

שֶׁעצְן אוּן לוֹיבְּן דֶעם מַאן וָואס פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ.............................. יא

חוֹבוֹת אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע סַכָּנָה פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ..............................יב

דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ אַרוֹיסְצוּגֵיין זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן, אִיז בַּיי אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק... יג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וִוי אַזוֹי בַּארוּאִיג אִיךְ מַיין וַוייבּ פוּן דִי פַּחַד פַאר אַ שִׂמְחָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט צוּ טְרֶעפְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעזָאגְט קְלִינְגְט מִיר נָאךְ אִין דִי אוֹיעֶרְן: "זַיי זִיךְ מְחַזֵק! אוֹיף יֶעדְן גֵייט אִיבֶּער שְׁוֶועריקַייטְן".

יֶעצְט צוּם שְׁאֵלָה, הֱיוֹת מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ אַ שִׂמְחָה מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן צִי אִיז רִיכְטִיג צוּ נֶעמֶען אַן "עֶפִּידוּרָאל", אָדֶער דַארְף מֶען חוֹשֵׁשׁ זַיין צוּ וָואס גֶעווִיסֶע זָאגְן אַז עֶס אִיז דָא אַ קְלֵיינֶע פְּרָאצֶענְט אַז מֶען קֶען אַפֶעקְטִירְט וֶוערְן דֶערְפוּן. אִיךְ ווִיל בַּאטָאנֶען אַז זִי ווִיל עֶס נֶעמֶען.

צְוֵוייטְנְס, וָואס קֶען אִיךְ טוּן אִיר צוּ בַּארוּאִיגְן פוּן דִי פַּחַד וָואס זִי הָאט פוּן דִי לֵידָה?

דְרִיטְנְס, אוֹיבּ בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַן עִנְיָן אַז דֶער מַאן זָאל גֵיין אִין מִקְוֶה וֶוען מֶען הוֹיבְּט זִיךְ אָן גְרֵייטְן? פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אוֹיף אַ פַאל וֶוען מֶען קֶען אִיר אִיבֶּערְלָאזְן.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַ תְּשׁוּבָה.

יִיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר"י אֱמֹר), א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָיר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דֶער דָאקְטֶער אִיז מַצִּיעַ צוּ נֶעמֶען עֶפִּידוּרָאל - קֶען זִי נֶעמֶען, זִי דַארְף נִישְׁט חוֹשֵׁשׁ זַיין.

זָאג מִיט דַיין וַוייבּ שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים, דָאס וֶועט אַוֶועקְנֶעמֶען דִי פְּחָדִים פוּן דִי לֵידָה. מִיר הָאבְּן אַלְץ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"ש אַ סְגוּלָה פַאר אַ גְרִינְגֶע לֵידָה, צוּ זָאגְן שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע נֶעמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים זָאל אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ דֶער מַאן זָאל גֵיין אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבֵל'ן וֶוען עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי וֵוייעֶן וְכוּ'; בַּיי אוּנְז פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אוּן וֶוען עֶס הוֹיבְּט אָן דִי וֵוייעֶן לֶערְנְט דֶער מַאן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ב', דִי תּוֹרָה וָואס אִיז מְסוּגָּל אוֹיף אַ גְרִינְגֶע לֵידָה, אוּן מֶען זָאגְט דִי תְּפִלָּה פוּן לִקּוּטֵי תְּפִילוֹת, אוּן מֶען זָאגְט מִזְמוֹר לְתוֹדָה בִּיז מֶען הֶערְט דִי מַזָל טוֹב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פַארְוָואס שְׁפִּיר אִיךְ אַ טַעַם נָאר אִין מִשְׁנַיוֹת, נִישְׁט אִין גְמָרָא?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

פַארְוָואס שְׁפִּיר אִיךְ נִישְׁט קַיין טַעַם אִין גְמָרָא? אִיךְ קֶען זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אַ גַאנְצֶע שָׁעָה אִין אַ צִי אָן אֲפִילוּ בַּאמֶערְקְן עֶפֶּעס וָואס טוּט זִיךְ אַרוּם מִיר, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ גְמָרָא וֶוער אִיךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל מִיד אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶערְוָון דֶערְצוּ.

אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַפָּאר מָאל פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין שַ"ס אוּן עֶס הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְגֶעהַאלְטְן פַאר מֶער ווי אַ קוּרְצֶע צַייט, אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַן עֵצָה פַאר מִיר?

אַ גְרוֹיסֶע יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, לִכְבוֹד דֶעם הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט צֶען מָאל מִשְׁנַיוֹת בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר"י אֱמֹר), ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט גְלַייךְ אַ טַעַם בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה; אִין אָנְהוֹיבּ קוּמְט אָן דָאס לֶערְנֶען שְׁוֶוער, אָבֶּער דֶער וָואס לָאזְט נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר לֶערְנְט אֲפִילוּ אָן קַיין טַעַם, אָן קַיין גֶעפִיל - בַּיים סוֹף אִיז מֶען זוֹכֶה, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אוּן אַ זִיסְקֵייט, מֶען וִויל שׁוֹין נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס לֶערְנֶען. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "מַדּוּעַ לֹא תִלְמַד", פַארְוָואס לֶערְנְסְטוּ נִישְׁט? "מַה תַּפְסִיד בָּזֶה, הֲלֹא תְקַבֵּל עוֹלָם הַבָּא עַל הַלִּמּוּד", אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען וֶועסְטוּ נִישְׁט דֶערְלֵייגְן, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען עוֹלָם הַבָּא, "וְאֵין צָרִיךְ לוֹמַר, כְּשֶׁהַתּוֹרָה מַרְאָה אַהֲבָה לְאֶחָד, אָז אֵין רוֹצֶה כְּלָל עוֹלָם הַבָּא, רַק שֶׁרוֹצֶה אֶת הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ", אָפְּגֶערֶעדְט וֶוען דִי תּוֹרָה וֶועט זִיךְ אַרוֹיסְוַוייזְן פַאר דִיר, זִי וֶועט דִיר וַוייזְן לִיבְּשַׁאפְט - וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶועלְן, דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט דַארְפְן קַיין שָׂכָר, וֶועסְט נָאר וֶועלְן נָאךְ אוּן נָאךְ לֶערְנֶען.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען, בַּיים אָנְהוֹיבּ אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, אָבֶּער וֶוער עֶס אִיז אַן עַקְשָׁן, עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ דָאס לֶערְנֶען, עֶר לֶערְנְט אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין - וֶועט בַּיים סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, וִוי אַזוֹי עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען לֶערְנֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְג קִינְד (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ח) עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג, "כִּי בִּתְחִלָּה הָיָה לוֹמֵד מִשְׁנָיוֹת וְלֹא הָיָה מֵבִין לִמּוּדוֹ", עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהָיָה בּוֹכֶה הַרְבֵּה לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיָּאִיר עֵינָיו", וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, "וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה כָּל כָּךְ עַד שֶׁזָּכָה שֶׁיּוּכַל לִלְמוֹד מִשְׁנָיוֹת", אִיךְ הָאבּ אַזוֹי סַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - בִּיז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין מִשְׁנָיוֹת. "וְכֵן אַחַר כָּךְ לָמַד שְׁאָר סְפָרִים וְלֹא הָיָה מֵבִין גַּם כֵּן", נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט אַנְדֶערֶע סְפָרִים אוּן עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה גַּם כֵּן הַרְבֵּה מְאֹד עַד שֶׁזָּכָה לַהֲבִינָם", הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, "וְכֵן בְּלִמּוּד זוֹהַר וְכִתְבֵי הָאֲרִ"י זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָיָה בּוֹכֶה גַּם כֵּן הַרְבֵּה עַד שֶׁזָּכָה לְהָבִין", עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט בִּיז עֶר הָאט אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יֶעדֶער הָאט אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה, פַארְוָואס נָאר מַיין פַאמִילְיֶע אִיז צֶעטֵיילְט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט מִיר.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן פוּפְצְן יָאר, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט אוּן צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ פִיל וִוי קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, קֵיינֶער גֶעבְּט מִיר נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער. אַסַאךְ מָאל טְרַאכְט אִיךְ אַז אֶפְשָׁר וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין אַן אַנְדֶערֶע פַאמִילְיֶע וָואלְט מַיין לֶעבְּן בֶּעסֶער גֶעוֶועְן, יֶעדֶער הָאט אַ שֵׁיינֶע נָארְמַאלֶע מִשְׁפָּחָה אוֹיסֶער אִיךְ; וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג אַז מַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל גֶע'גֶט? אִיךְ קוּם אַהֵיים אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַ מַאמֶע וָואס זָאל מִיךְ אָפְּוָוארְטְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי מַיין טָאג אִיז גֶעוֶועְן הַיינְט, וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים יֶעדְן טָאג וֶוער אִיךְ דֶעפְּרֶעסְט, אִיךְ פִיל וִוי אִיךְ וִויל נֶעמֶען דְרָאגְס וַוייל אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן מֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ לֵייגְן

תְּפִלִּין און זִיךְ אוֹיפְפִירְן עֶרְלִיךְ, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְרָאכְן, מַיין הַארְץ וֵויינְט; יֶעדֶער הָאט אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה אוֹיסֶער אִיךְ.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר שְׁרַייבְּן עֶפֶּעס חִיזוּק?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר״י אֱמֹר), ב׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַלֵיינְס; וֶוען דַיין הַארְץ וֵויינְט - וֵויינְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דִיר, דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ און דֶער מִזְבֵּחַ - אַלֶע וֵויינֶען אוֹיף דִי קִינְדֶער פוּן צֶעטֵיילְטֶע עֶלְטֶערְן וָואס וַואלְגֶערְן זִיךְ פוּן אֵיין שְׁטוּבּ צוּם צְוֵוייטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן; אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען פְלַייסִיג, דַאוְונֶען עֶרְלִיךְ און גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה - וֶועסְטוּ נָאךְ אַבִּיסְל טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, וֶועסְט הָאבְּן דַיין לֶעבְּן, דוּ מִיט דַיין וַוייבּ וֶועלְן אִינְאֵיינֶעם בּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

עֶס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי צַעַר פוּן קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן צֶעטֵיילְטֶע שְׁטוּבֶּער - וָואס זֵיי מַאכְן מִיט, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְקוּמֶען אַ הֶעלְד אִין דַיין לֶעבְּן. קוּק גוּט וֶועסְטוּ זֶען אַז דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע יוּגְנְט, אַ שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן און זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און פוּן דִי תּוֹרָה וֶועג - זֶענֶען אוֹיסְגֶעוַואקְסְן הֶעלְדְן, זֵיי הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע און טוּעֶן גוּטֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן; זָאלְסְטוּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, נִישְׁט אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן דִי תּוֹרָה - וֶועסְטוּ אוֹיךְ אוֹיסְוַואקְסְן אַ הֶעלְד.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ

וואו קֵיינֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט דָארְט אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים דַיין וֵוייטָאג, דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר, שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין גַאנְצֶע הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס גֶעשֶׁעט אִין הִימְל, וָואס פַאר אַ רַעַשׁ, אַ טוּמְל - עֶס גֶעשֶׁעט וֶוען אֵיינֶער קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס אוּן וֵויינְט צוּ אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַלֶע מַלְאָכִים: "אִיךְ וִויל הֶערְן דִי גֶעבֶּעט, אִיךְ אַלֵיינְס וֶועל אִים הֶעלְפְן" (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פָּרָשַׁת בָּלָק, דַף קצה.).

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא. קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין, זָאג דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, בַּיים סוֹף וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְן כֹּחַ זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ, וֶוען מֶען מַאכְט אַוֶועק דֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

נֶעכְטְן הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם נֵייעֶם זְמַן אִין דִי יְשִׁיבָה וואוּ אִיךְ לֶערְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען פֵייעֶרְדִיגֶע פְּתִיחָה דְרָשׁוֹת פוּן דִי מַגִידֵי שִׁיעוּר, יֶעדֶער הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף זַיין אוֹפְן אַז דֶעם זְמַן גֵייט מֶען זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אָבֶּער אֵיין נְקוּדָה הָאבְן אַלֶע גֶעזָאגְט אֵיינִיג אַז אִין דֶעם זְמַן גֵייט מֶען נִישְׁט סְתָם זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, מֶען גֵייט נָאר לֶערְנֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

זֵיי הָאבְן נָאךְ נָאכְגֶעבְּרֶענְגְט אַ בְּרִיוו פוּן אֵיינֶער פוּן דִי זְקֵנִים אִין בְּרֶסְלֶב אַז אִין דִי לֶעצְטֶערֶע יָארְן הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין בְּרֶסְלֶב אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ הָאט נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה, דִי בָּחוּרִים בְּרֶענֶען בַּיי חֲצוֹת אוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אַלֶע עִנְיָנִים

פוּן רֶבִּי'ן, אָבֶער מֶען לֶערְנְט נִישְׁט, אָדֶער מֶען זָאגְט סְתַּם דִּי וֶוערְטֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט גְלַייךְ בַּיי דִּי פְּתִיחָה דְרָשָׁה אַז לוֹיט ווִי זֵיי לֵייגְן עֶס אַרָאפּ, גֵיי אִיךְ פָּשׁוּט אָפְּשִׁימְלֶען אִין דִּי קוּמֶענְדִיגֶע עֶטְלִיכֶע חֲדָשִׁים.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַסַאךְ בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי גֶעדֶענְקֶען שׁוֹין נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען עֶפְנְט אוֹיף אַ אִידִישׁ סֵפֶר, וַוייל זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט גֶעעֶפְנְט קַיין סֵפֶר פַּאר אַ גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ. אוּן אִיךְ, וָואס אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל תּוֹרָה גֶעזָאגְט אִין דִּי לֶעצְטֶע חוֹדֶשׁ, דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט הָאבְּן עֶפֶּעס חִיזּוּק פַאר מִיר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר״י אֱמֹר), ב׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ב**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**גֵיי נִישְׁט אִין קַיין וִיכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם, בִּפְרַט מִיט לֵצִים וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב; זֵיי וֶועלְן דִיךְ אָפְּקִילְן פוּן לֶערְנֶען דִּי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זֵיי וֶועלְן דִיר פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט לֵיצָנוּת, נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ גָארְנִישְׁט הָאבְּן.**

**מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעלָאזְט צַוָּאָה מִיר זָאלְן נִישְׁט טַעְנָה'עֶן מִיט קֵיינֶעם בְּעִנְיַן דֶעם רֶבִּינ'ס דֶרֶךְ הַלִּימוּד** (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו)**, מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, אוֹיבְן אִין הִימְל וֶועט מֶען זֶען דָאס וָוארְהֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט** (צַוָּואַת מוֹהֲרָא״שׁ, אִינְמִיטְן אוֹת יג)**: וֶוען אִיר וֶועט אָנְקוּמֶען אוֹיפְן עוֹלָם הָאֱמֶת דַאן וֶועט אִיר זִיךְ אַלֵיין אִיבֶּערְצֵייגְן אִין דִּי רִיכְטִיגְקַייט פוּן דֶעם ״סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד״ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן. עֶס אִיז אַ שָׁאד דִּי צַייט זִיךְ צוּ טַעֲנָה'עֶן מִיט מֶענְטְשְׁן אִיבֶּערְן ״סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד״. ״טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה׳״ - פְּרוּבִּירְט עֶס אַלֵיין אוֹיס, וֶועט אִיר זֶען ווִי גֶעשְׁמַאק אוּן זִיס דָאס אִיז. וֶוען אִיר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן ״סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד״ וֶועט אִיר שְׁפִּירְן אַלֶע**

גוּטֶע טַעֲמִים דֶערִין, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן אַ חִיוּת אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָר פַארְוָואס מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז נָאר צוּ טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶערְנְט כְּדֵי מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַאן אִיז דָאס גַאנְצֶע לֶערְנֶען מַמָּשׁ "תּוֹרָה לִשְׁמָהּ" מֶען לֶערְנְט נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט אוֹיף צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד פוּן מֶענְטְשְׁן, צוּ הֵייסְן אַ רָב, אַ לַמְדָן, אַ צַדִּיק אָדֶער אַ בַּעַל מְקוּבָּל, מֶען לֶערְנְט נָאר פָּשׁוּט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס וֶועגְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. אוֹיבּ וֶועט אִיר מִיר פָאלְגְן מִיט דֶעם וֶועט אִיר בִּכְלַל נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ הָאבּ דָא פַאר מִיר דִי צַוָּאָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, עֶס אִיז אַזַא לִיכְטִיגֶע צַוָּאָה; וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי צַוָּאָה טוּט מֶען גְלַייךְ תְּשׁוּבָה, עֶס וֶועקְט אוֹיף צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז שׁוֹין גֶעזָאגְט אַסַאךְ יָארְן אֵיידֶער זַיין הִסְתַּלְּקוּת דִי וֶוערְטֶער: "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען זֵייעֶר אַסַאךְ צַוָּאוֹת פוּן צַדִּיקִים אוּן גְרוֹיסֶע לַייט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעגְרֵייט פַאר עֶנְק אַ הֶערְלִיכֶע צַוָּאָה וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען"; עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרַיינְקוּקְן דִי גַאנְצֶע צַוָּאָה, בִּפְרַט דֶעם גַאנְצְן אוֹת (אוֹת יג), וואוּ מוֹהֲרָא"שׁ רֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה:

מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים וֶועלְכֶע לֶערְנֶען מַיינֶע סְפָרִים, אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אַז אִיר זָאלְט אַייךְ גוּט אִיבֶּער קְלֶערְן וָואס עֶס גֵייט פָאר אוֹיף דִי וֶועלְט. וֶוען מֶען טְרַאכְט גוּט אַרַיין אִין דָאס לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט זֶעט מֶען אַז דָאס לֶעבְּן לוֹיפְט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז נִישְׁט מֶער ווִי אַן אוֹיגְן בְּלִיק, ווִי דִי שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְלִיעט דוּרְךְ, אָט אִיז מֶען דָא אוּן אָט גֵייט מֶען שׁוֹין צוּרִיק אִין דֶער עֶרְד.

אוּן דַאן, וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרַיינְצוּכַאפְּן

אוֹיף דֶער וֶועלְט. דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו׳) "אֵין מְלַוִּין לוֹ לְהָאָדָם לֹא כֶּסֶף וְזָהָב, וְלֹא אֲבָנִים טוֹבִים וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד" - עֶס בַּאגְלֵייט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ, נִישְׁט קַיין גָאלְד אוּן זִילְבֶער, אוּן נִישְׁט קַיין טֵייעֶרֶע דִיאמַאנְט שְׁטֵיינֶער, נָאר תּוֹרָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר גֶעדֶענְקֶען דִי טֵייעֶרֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי׳ן, וָואס דָאס אִיז דֶער "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד", וָואס דוּרְךְ דִי גְרִינְגֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג קֶענְט אִיר זוֹכֶה זַיין אַדוּרְךְ צוּ גֵיין אוּן דוּרְךְ שְׁפַּאצִירְן מַמָּשׁ אִין אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן גְמָרָא, אִין בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי אוּן תּוֹסֶפְתָּא, דֶעם גַאנְצְן רַמְבַּ"ם, טוּר אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַלֶע סָארְט מִדְרָשִׁים, דִי גְרוֹיסֶע מִדְרָשִׁים אוּן דִי קְלֶענֶערֶע, סִפְרָא, סִפְרֵי אוּן מְכִילְתָּא, אַלֶע סִפְרֵי הַזוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן תִּקּוּנֵי זוֹהַר, אַלֶע כִּתְבֵי אֲרִיזַ"ל, אַלֶע חַסִידִישֶׁע סְפָרִים פוּן דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אַלֶע סִפְרֵי מוּסָר, אַלֶע סִפְרֵי פּוֹסְקִים, אַלֶע הֲלָכָה סְפָרִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

נָאר דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט צוּ לֶערְנֶען דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר דָאס וֶועט אִיר מִיטְנֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נָאר דָאס אִיז אֵייעֶר עַשִׁירוּת אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אוֹיבּ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, אִיז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן גָארְנִישְׁט וֶוערְד. אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעמָאסְטְן לוֹיט וִויפִיל תּוֹרָה עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, לוֹיט וִויפִיל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְּלַייסְט צוּ לֶערְנֶען אוּן עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דִי תּוֹרָה אִיז דִי חָכְמָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי תּוֹרָה, נֶעמְט עֶר אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס חָכְמָה, אוּן דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען נָאר טוּן. עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא זִיסֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע זַאךְ וִוי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ו׳) "אֵין טוֹב אֶלָּא תּוֹרָה, שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי ד ב) כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם תּוֹרָתִי אַל תַּעֲזֹבוּ" - עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא גוּטֶע זַאךְ אַזוֹי וִוי תּוֹרָה. אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז נָאר חָשׁוּב תּוֹרָה.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, זֶעט צוּ בַּאשְׁטִימֶען צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ אַרָאפּ גַנְבְ׳עֶנֶען צַייט צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן

**טָאג די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, גֶעדֶענְקְט גוט אַז נָאר דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אַייךְ. וִויפִיל מֶען כאפּט אַרַיין אִיז גוט, "אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט, וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן אֶת לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם". זֶעט צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְבְּרֶענְגֶען דִי טֵייעֶרֶע צַייט מִיט שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, מִיט נַארִישְׁקַייטְן, אָדֶער נָאךְ עֶרְגֶער, מִיט זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן, ווִי לָשׁוֹן הָרַע, רְכִילוּת אוּן לֵיצָנוּת א.א.וו. זֶעט צוּ אַנְטְלוֹיפְן יֶעדְן טָאג צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מַמָּשׁ מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ.**

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם.

...

### מֶעגְן גֶע'גֶט'עֶ עֶלְטֶערְן אוּנְטֶערְפִירְן אַ קִינְד אוּנְטֶער דִי חוּפָּה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן אוּנְטֶערְפִירְן בַּיי אַ חוּפָּה. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ בִּין אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן, מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶע'גֶט, אָבֶער אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז מַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע זָאלְן מִיךְ אִינְטֶערְפִירְן דִי חוּפָּה.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיב עֶס אִיז דָא אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע הֲלָכָה אוֹיף דֶעם צִי מֶען מֶעג אָדֶער נִישְׁט, ווַייל מַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז מֶען מֶעג נִישְׁט אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט מַיין מַאמֶע גֶעפְרֶעגְט אַ רָב אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס נִישְׁטָא קַיין שׁוּם פְּרַאבְּלֶעם לוֹיט דִי הֲלָכָה אֲפִילוּ אוֹיב מֶען אִיז גֶע'גֶט, נָאר עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע וָואס זֶענֶען מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם אַז עֶס זָאל יָא זַיין אַ פַּארְפָאלְק וָואס פִירְט אוּנְטֶער.

מַיין טַאטֶע ווִיל אַז מַיין זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע זָאלְן אוּנְטֶערְפִירְן, אָבֶער אִיךְ ווִיל יָא אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן אוּנְטֶערְפִירְן; ווִיל אִיךְ ווִיסְן ווִי אַזוֹי אִיךְ דַארְף זִיךְ פִירְן, וָואס אִיז דִי הֲלָכָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּט אַזוֹיפִיל חִיזּוּק

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר״י אֱמֹר), ב׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיװ.

בְּדֶרֶךְ כְּלַל פִירְט מֶען זִיךְ אַז נָאר אַ פָּארְפָּאלְק פִירְט אוּנְטֶער; אִין פַאל וָואס דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶע׳גֶט, נֶעמְט מֶען דִי זֵיידֶע בַּאבֶּע זָאלְן אוּנְטֶערְפִירְן.

אוֹיבּ אִיר ווִילְט דַוְקָא אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן אוּנְטֶערְפִירְן - קֶען מֶען אוּנְטֶערְפִירְן אֲפִילוּ מֶען אִיז גֶע׳גֶט.

דִי שְׁאֵלָה אִיז נָאר אוֹיבּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן הֶערְן וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ זָאגְן; דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מַאכְן קַיין קְרִיגֶערַיי, לָאזְט זִיךְ פִירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעדֶענְקְט פוּנֶעם עִיקָר, כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אָן אִינֶעם טָפֵל; דָאס טוּט דֶער יֵצֶר הָרָע בַּיי יֶעדֶע שִׂמְחָה. עֶר נֶעמְט זַייטִיגֶע זַאכְן אוּן מַאכְט דָאס פַאר אַן עִיקָר בִּיז מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם עִיקָר. דֶער עִיקָר אִיז אִיר הָאט חֲתוּנָה, אִיר גֵייט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ; זָאלְט אִיר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים זַיינֶע אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער, אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ פִירְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, דוֹרוֹת יְשָׁרִים וּמְבֹרָכִים.

...

## ווֶעלְכֶע קָאלִיר קַאפְּל אִיז פַּאסִיג אָנְצוּטוּן אִינֶעם טָאג פוּנֶעם אָפְּשֶׁערְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ גֵיי בְּקָרוֹב מַאכְן חַאלַאקֶע פַאר מַיין אִינְגְל, מַיין ווַייבּ הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט קוֹיפְן

פַאר אִים אַ קַאפְּל וָואס פַּאסְט צוּ דִי אַנְצוּג וָואס עֶר גֵייט אָנְטוּן אִינֶעם טָאג פוּן דֶעם אָפְּשֶׁערְן.

אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי בַּאקַאנְט וָואס אִיז יָא רִיכְטִיג אָנְצוּטוּן פַאר קִינְדֶער אוּן וָואס נִישְׁט, אִין דִי מִשְׁפָּחָה אִיז אַיינְגֶעפִירְט צוּ גֵיין נָאר מִיט שְׁוַוארְצֶע קַאפְּלֶעךְ, אָדֶער הֶעכְסְטְנְס אִין טוּנְקְל בְּלוֹי, אָבֶער זִי הָאט יָא דַוְקָא גֶעוָואלְט אָנְטוּן אַזַא סָארְט קַאפְּל וָואס אִיז צוּגֶעפַּאסְט צוּם אַנְצוּג, עֶס זָאל אוֹיסְזֶען שֵׁיין.

לְמַעֲשֶׂה הָאט זִי גֶערֶעדְט מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוּן אַרוּמִיגֶע אוּן מֶען הָאט אִיר זֵייעֶר אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶס זֶעט אוֹיס ווִי אַ קַאפְּל פוּן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה, עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ גֵיין מִיט דֶעם. מִיר הָאבְּן טַאקֶע גֶעפְּלַאנְט עֶס אָנְצוּטוּן פַאר אִים נָאר אִין טָאג פוּנֶעם אָפְּשֶׁערְן, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער אִין חֵדֶר זָאל עֶר יָא גֵיין מִיט אַ שְׁוַוארְצֶע קַאפְּל ווִי יֶעדְן, מִיר ווִילְן נִישְׁט עֶר זָאל זַיין אָנְגֶעטוּן מָאדֶערְן.

מִיר קֶענֶען נִישְׁט בַּאשְׁלִיסְן וָואס צוּ טוּן, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וֶועלְכֶע קָאלִירְן זֶענֶען יָא אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אוּן וֶועלְכֶע נִישְׁט, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז עֶס אִיז זִיכֶער נִישְׁט קֵיין חֲסִידִישֶׁע זַאךְ, אָבֶער מִיר ווִילְן ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אָנְצוּטוּן פַארְ'ן קִינְד דֶעם צוּגֶעפַּאסְטְן קָאלִיר קַאפְּל נָאר אִינֶעם טָאג פוּנֶעם אָפְּשֶׁערְן.

עֶס אִיז אֶפְשָׁר נַארִישׁ צוּ פְרֶעגְן אַזַא שְׁאֵלָה, אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָועמֶען צוּ פְרֶעגְן, אוּן אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר מוֹחֵל זַיין פַארְ'ן פְרֶעגְן אַזֶעלְכֶע שְׁאֵלוֹת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר"י אֱמֹר), ג' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מַאךְ נִישְׁט קֵיין עֵסֶק פוּן דִי זַאכְן, ווִי אַזוֹי דוּ וֶועסְט מַאכְן וֶועט זַיין גוּט; מַאךְ נִישְׁט פוּן טָפֵל - עִיקָר אוּן פוּן עִיקָר - טָפֵל.

וֶוען מֶען שֶׁערְט אָפּ אַ קִינְד, מֶען פִירְט אִים אִין חֵדֶר זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע א' ב' אוּן מֶען טוּט אִים אָן אַ קַאפְּל מִיט צִיצִית - דַארְף מֶען טוּן צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פִירְן

**דָאס קִינְד אִין חֵדֶר, זָאג טוֹיזְנְט מָאל: "אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הַאלְטְן דָא".**

צְוֵוייטְנְס, דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן גֶעבְּן צְדָקָה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער קִינְד זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וַוייל עֶס כַאפְּט אַ פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק, דִי אַלֶע טַייעֶרֶע נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל וָואס וַואלְגֶערְן זִיךְ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת, בְּנֵי צִיּוֹן הַיְקָרִים - דִי אַלֶע הָאבְּן גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע חַאלַאקֶע, מֶען הָאט זֵיי גֶעפִירְט אִין חֵדֶר מִיט אַ שֵׁיינֶע קַאפֶּעלֶע, מִיט שֵׁיינֶע זִיסֶע פֶּעקֶעלֶעךְ; מֶען דַארְף אַזוֹיפִיל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"וְנִהְיֶ' אֲנַחְנוּ וְצֶאֱצָאֵנוּ וְצֶאֱצָאֵי צֶאֱצָאֵנוּ, כֻּלָּנוּ יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ, אַלֶע זָאלְן מִיר זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה".**

אַזַא קַאפְּל אָדֶער אַזַא קַאפְּל, אַזַא פֶּעקְל אָדֶער אַזַא פֶּעקְל - דָאס אַלֶעס אִיז נִישְׁט מְשַׁנֶה, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ טוּן דִי צְוֵויי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זָאל אִיךְ מְחַנֵךְ זַיין מַיין טָאכְטֶער אוֹיף צְנִיעוּת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

זָאל אִיךְ זָאגְן פַּאר מַיין צֶען יֶערִיגֶע טָאכְטֶער זִי זָאל זַיין צְנִיעוּת'דִיג? צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז זִי שְׁלֶעפְּט אַרוֹיף דִי קְלֵייד עֶס זָאל זַיין קוּרְצֶער, אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע סָארְט זַאכְן, זָאל אִיךְ אִיר מְעוֹרֵר זַיין אוֹיף דֶעם, אָדֶער זָאל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן אוּן עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין פוּן זִיךְ אַלֵיין?

אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין אַנוּנְג פוּן וואוּ זִי נֶעמְט דָאס, בַּיי מַיין וַוייב זֶעט זִי נִישְׁט אַזֶעלְכֶע זַאכְן, זִי אִיז זֵייעֶר צְנִיעוּת'דִיג.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר״י אֱמֹר), ג׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ב

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ זָאגְן פַאר דַיין טָאכְטֶער וֶועגְן זַיין אֵיידְל; וָואס הָאסְטוּ גֶעוַוארְט בִּיז יֶעצְט? בִּיסְט שׁוֹין אַבִּיסְל צוּ שְׁפֶּעט; בַּיי דִי צֶען יָאר אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט, יֶעצְט דַארְף מֶען שׁוֹין וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן. אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען מֶען זָאגְט פוּן קְלֵיינֶערְהֵייט, וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ בֵּייגֶעדִיג, דֶערמָאלְט נֶעמֶען זֵיי אָן וָואס מֶען זָאגְט זֵיי, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה, עֶס וֶוערְט אַ טֶבַע שֵׁנִי בַּיי זֵיי.

זָאג פַאר דַיין טָאכְטֶער זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן; זָאג אִיר עֶס מִיט אַ שְׁמֵייכְל, גֶעבּ אִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן גֵיין אֵיידְל, גֶעבּ אִיר צוּ שְׁפִּירְן דָאס זִיסְקֵייט פוּן זַיין אַן אֵיידֶעלֶע מֵיידְל. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִיר זָאגְן אַז וֶוען מֶען אִיז אֵיידְל אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף לֶעבְּן, בַּאקוּמְט מֶען אַ גוּטֶע חָתָן, אַ וואוּילֶער מַאן מִיט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

עֲבוֹדַת הַחִינוּךְ אִיז אַ הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, דָאס אִיז אַזוֹי הֵיילִיג וִוי דִי גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה פוּן זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, אַזוֹי הָאט אוּנְז רֶבִּי נָתָן גֶעלֶערְנְט. עֶר פְלֶעגְט וַוארְטְן אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי לֵייגְן שְׁלָאפְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; הֲגַם עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי כְּדֵי אוֹיפְצוּשְׁטֵיין גָאר פְרִי, עֶר הָאט גֶעהַאט זַיינֶע סְדָרִים - דָאךְ פְלֶעגְט עֶר אוֹיפְבְּלַייבְּן בִּיז זֵיי זֶענֶען אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן יְשִׁיבָה, פוּן חֵדֶר; עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״דִי עֲבוֹדָה אִיז בַּיי מִיר אַזַא הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, אַזוֹי וִוי זָאגְן חֲצוֹת״.

מֶען קֶען נִישְׁט נָאר זָאגְן פַאר קִינְדֶער מוּסָר, מֶען דַארְף אוֹיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ; מֶען דַארְף מַאכְן צַייט מִיט דִי קִינְדֶער פוּן לַאכְן אוּן זִיךְ פְּרֵייעֶן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען מוּסָר׳ן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט וִויסְן וִויפִיל צוּ לַאכְן אוּן וִויפִיל צוּ זָאגְן,

וְויפִּיל צוּ שְׁוַוייגְן און וְויפִּיל צוּ בַּאמֶערְקְן; נָאר מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס פַּאר מַיין בַּר מִצְוָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוֹין אִין יַבְנְאֵל, אִיךְ גֵיי בַּר מִצְוָה הָאבְּן בְּקָרוֹב, און אִיךְ וְויל זֵייעֶר שְׁטַארְק עֶנְדִיגְן שַׁ"ס אוֹיף מַיין בַּר מִצְוָה, אָבֶּער דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ דַארְף לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא יֶעדְן טָאג עֶס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, און עֶס אִיז דָא טֶעג וָואס אִיךְ קוּם בִּכְלַל נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא אוֹיף מַיין סֵדֶר אִין שַׁ"ס.

מַיינֶע צְווֵיי עֶלְטֶערֶע בְּרִידֶער הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס פַּאר זֵייעֶר בַּר מִצְוָה, און אִיךְ וְויל אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵק זַיין אוֹיף דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר"י אֱמֹר), ג' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ הָאסְט זֵייעֶר גוּטֶע רְצוֹנוֹת, דוּ ווִילְסְט עֶנְדִיגְן שַׁ"ס צוּ דַיין בַּר מִצְוָה; מוֹהֲרָא"ש פְּלֶעגְט זִיךְ אַלְץ בַּארִימֶען מִיט דִי קִינְדֶער פוּן יַבְנְאֵל, אַלֶע גֵייעֶן צוּ דִי בַּר מִצְוָה מִיט אַ סִיוּם הַשַּׁ"ס.

אָבֶּער ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע כְּלַל אִין לֶעבְּן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כז): "אַף עַל פִּי שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לִהְיוֹת זָרִיז גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד בַּעֲבוֹדַת ה', לְהִזָּדֵרֵז מְאֹד בְּכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה לַעֲשׂוֹת

הַרְבֵּה בַּעֲבוֹדַת ה׳, כִּי עִיקָר הוּא הָעֲשִׂיָּה, לִלְמֹד הַרְבֵּה וְלַעֲשׂוֹת מִצְוֹת הַרְבֵּה, וּלְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן הַרְבֵּה, לִשְׁפּוֹךְ לִבּוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ, וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה שְׁאָר עִנְיָנֵי עֲבוֹדַת ה׳", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ מוּז אַלְץ טוּן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען מוּז אַסַאךְ לֶערְנֶען, מֶען מוּז אַסַאךְ דַאוֶוענֶען אוּן טוּן אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַנְדֶערֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "אַף עַל פִּי כֵן אֶל תְּהִי נִבְהָל כְּשֶׁאַתָּה רוֹאֶה בַּסְּפָרִים קְדוֹשִׁים עִנְיָנֵי עֲבוֹדוֹת הַרְבֵּה, אַל תְּהִי נִבְהָל מִפְּנֵי זֶה לֵאמֹר מָתַי אוּכַל לְקַיֵּים אַחַת מֵהֵנָּה מִכָּל הָעִנְיָנִים הַלָּלוּ, מִכָּל שֶׁכֵּן כּוּלָם", דַארְף מֶען אָבֶּער וויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעדְרוּקְט וֶוען מֶען זֶעט אִין הֵיילִיגֶע סְפָרִים דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן אוּן טְרַאכְטְן 'וֶוען וֶועל אִיךְ דָאס קֶענֶען טוּן?' "כִּי צָרִיךְ לְבַל יִהְיֶה מְבֹהָל לַחֲטוֹף הַכֹּל בְּבַת אַחַת", מֶען קֶען נִישְׁט אַלֶעס כַאפְּן אִין אֵיין מָאל, מֶען דַארְף גֵיין צוּבִּיסְלִיךְ, "רַק לֵילֵךְ בְּנַחַת בְּהַדְרָגָה מְעַט מְעַט", מֶען גֵייט רוּאִיג, שְׁטַייטְלִיךְ, צוּבִּיסְלִיךְ, "וְלֹא שֶׁיְּהֵא מְבֹהָל וּמְבֻלְבָּל שֶׁרוֹצֶה לְקַיֵּים וְלַחְטֹף הַכֹּל בְּבַת אַחַת", נִישְׁט וֶוערְן אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי סַאךְ עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם אוּן דָאס אַלֶעס וֶועלְן מְקַיֵּים זַיין אוֹיף אֵיין מָאל, "וּמֵחֲמַת זֶה נִתְבַּלְבֵּל לְגַמְרֵי", דָאס בְּרֶענְגְט מֶען זָאל גָארְנִישְׁט טוּן, "כְּמוֹ שֶׁיֵּשׁ בִּשְׂרֵפָה חַס וְשָׁלוֹם שֶׁמֵּחֲמַת הַבֶּהָלָה חוֹטְפִין מַה שֶּׁאֵין צְרִיכִין", אַזוֹי ווִי וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַ פֵייעֶר חַס וְשָׁלוֹם, פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט אוּן צֶעטוּמְלְטְקֵייט כַאפְּט מֶען אַרוֹיס פוּן דִי פֵייעֶר נִישְׁט וִויכְטִיגֶע זַאכְן, "רַק צָרִיךְ לִנְהֹג בְּהַדְרָגָה בְּנַחַת מְעַט מְעַט", אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען דַארְף זַיין רוּאִיג אוּן טוּן נָאךְ אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל, "וְאִם לִפְעָמִים אֵין הָאָדָם יָכוֹל לַעֲשׂוֹת כְּלַל בַּעֲבוֹדַת ה׳, מַה לַעֲשׂוֹת, אוֹנֵס רַחֲמָנָא פַּטְרֵיהּ", אוּן אַז מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן אוּן עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, טָאר מֶען זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, "וְיַרְגִּיל עַצְמוֹ לִכְסֹף וּלְהִתְגַּעְגֵּעַ וּלְהִשְׁתּוֹקֵק תָּמִיד אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי הַהִשְׁתּוֹקְקוּת וְהַכִּסּוּפִין בְּעַצְמָם הֵם דְּבָרִים גְּדוֹלִים מְאֹד וְרַחְמָנָא לִבָּא בָּעֵי", מֶען זָאל וַוייטֶער בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן הָאפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הָאפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אוּנְזֶער הַארְץ, מִיר זָאלְן הָאפְּן צוּ אִים.

פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען ווִיפִיל דוּ קֶענְסְט; וֶועסְטוּ עֶנְדִיגְן אוֹיף דִי בַּר מִצְוָה גַאנְץ שַׁ"ס - מַה טוֹב וּמַה נָעִים, אוּן אַז נִישְׁט - אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר גוּט, וֶועסְטוּ עֶנְדִיגְן נָאךְ דַיין בַּר מִצְוָה. נֶעם נִישְׁט קַיין לַחַץ פוּן דַיינֶע בְּרִידֶער אַז זֵיי הָאבְּן יָא גֶעעֶנְדִיגְט צוּ דִי בַּר מִצְוָה גַאנְץ שַׁ"ס, פוּן הִימְל וַוארְט מֶען נִישְׁט דוּ זָאלְסְט זַיין אַזוֹי ווִי דַיינֶע בְּרִידֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דוּ זָאלְסְט זַיין דוּ, דוּ זָאלְסְט עֶנְדִיגְן שַׁ"ס פַאר דִיר, ווִי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט זִיךְ אוֹיס מִיט דִיר, נִישְׁט צוּלִיבּ דַיינֶע בְּרִידֶער.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, דוּ וואוֹינְסְט אִין אַזַא הֵיילִיגֶע שְׁטָאט יַבְנְאֵל, גֵיי יֶעדְן טָאג אַרוֹיף צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, זָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד. דֶער צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אִין יַבְנְאֵל אִיז אַ פְּלַאץ וָואס אִיז מְסוּגָּל פַאר תְּשׁוּבָה, אַלֶע וָואס קוּמֶען אַהִין זָאגְן אַז זֵיי הוֹיבְּן אָן טְרַאכְטְן פוּן זִיךְ אֱמֶת'דִיג צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הוֹיבְּט אָן וֵויינֶען אוֹיף דִי טֶעג אוּן יָארְן.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט מִתְפַּלֵל זַיין פַאר מִיר יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל, זַיי מִיךְ מַזְכִּיר בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פַארְוָואס דַארְף מַיין וַוייבּ נֶעמֶען עֵצוֹת פוּן אִירֶע חַבֶר'טֶעס?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע לֶעבְּן וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּן דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, צוּם בֵּיישְׁפִּיל נֶעכְטְן בַּיינַאכְט בִּין אִיךְ גֶעזֶעסְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן גֶעלֶערְנְט, מַיין וַוייבּ הָאט גֶערֶעדְט אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן מִיט אֵיינֶעם, יֶענֶער הָאט אוּנְז גֶעוָואלְט אַיינְטֵיילְן וֶועלְכֶע אֲפִיקוֹמָן מַיינֶע קִינְדֶער מֶעגְן בֶּעטְן אוּן וָואס מִיר זָאלְן זֵיי קוֹיפְן, אִיךְ הָאבּ וַוייטֶער גֶעלֶערְנְט פְלֵייסִיג אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען כְּאִילוּ אַ נִפְטָר, וֶוען אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק אֵיידֶער מַיין הִתְקָרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ שׁוֹין לַאנְג גֶעפְּלַאצְט אַז יֶענֶער טֵיילְט אַיין פַאר מַיין מִשְׁפָּחָה ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אַ בַּאזוּנְדֶערֶע יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר דֶעם אַלֵיינְס אַז וֶוען מַיין וַוייבּ אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט קֶען אִיךְ אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, דָאס אִיז אוֹיךְ אַ חִידוּשׁ נִפְלָא פַאר מִיר.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר"י אֱמֹר), ג׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ב

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין וַוייבּ, לָאז אָפּ; זִי מֶעג רֶעדְן מִיט אִירֶע חַבֶרְ׳טֶעס, זִי מֶעג הֶערְן פוּן חַבֶרְ׳טֶעס עֵצוֹת.

פַארְוָואס זָאל שְׁטֶערְן וֶוען דִי וַוייבּ רֶעדְט מִיט אַ חַבֶרְ׳טֶע עַל דָא וְעַל הָא? פַארְוָואס דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְעֶסְן וֶוען דִי וַוייבּ זָאגְט: "דִי חַבֶרְ׳טֶע זָאגְט מִיר עֶס אִיז יָא גוּט אַזוֹי צוּ טוּן, אוּן אַן אַנְדֶערֶע חַבֶרְ׳טֶע זָאגְט עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אַזוֹי צוּ טוּן"? עֶס דַארְף דֶערְפְרֵייעֶן דֶעם מַאן אַז דִי וַוייבּ הָאט מִיט וֶועם צוּ שְׁמוּעֶסְן, מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן; נִישְׁט אִיר פָארְהַאלְטְן: "וָואס רֶעדְסְטוּ מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם?"

דוּ גֵייסְט דָאךְ אַרוֹיס אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג דַאוֶוענֶען, טְרֶעפְסְטוּ מֶענְטְשְׁן, דוּ לוּפְטֶערְסְט זִיךְ אוֹיס; זָאל זִי אוֹיךְ מֶעגְן זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אִין שְׁטוּבּ. חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:): "אִשָּׁה בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ"; מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט דָאס אִין דִי בְּרִיוו צֶוועְנְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מָאל, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ, אוּן אַז דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן אַ גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן - מֶען זָאל פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אִין שְׁטוּבּ אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע נִיגוּנִים, זֵיי זֶענֶען מַמָּשׁ מְחַיֶּ' נְפָשׁוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער מַיין זוּן וָואס וֶוערְט יֶעצְט דְרֵיי יָאר. זַייט מֶען הָאט אִים אוֹיסגֶעלֶערְנְט גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵּא, זֶע אִיךְ אַז עֶר רִירְט זִיךְ אָן כְּסֵדֶר נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶע עֵצוֹת אוּן גָארְנִישְׁט הָאט גֶעהָאלְפְן, עֶס גֵייט שׁוֹין אָן אַזוֹי פַאר עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים, אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה דָאס אָפְּצוּשְׁטֶעלְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר״י אֱמֹר), ד׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ב

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חִינוּךְ אִיז אַן עֲבוֹדָה וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ חָכְמָה אוּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד דֶערְצוּ. עֶרְשְׁטְנְס דַארְף מֶען וִויסְן וֶוען אוּן וִויפִיל צוּ זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער, אוֹיךְ וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אַז זֵיי זָאלְן דָאס אָנְנֶעמֶען; וּבְנוֹסָף לָזֶה דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוֹיסְצוּוַוארְטְן בִּיז מֶען זֶעט דִי פֵּירוֹת.

קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דְרֵיי יֶערִיגֶע קִינְדֶער - זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט, זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין דַעַת, מֶען דַארְף זֵיי צוּגֶעוואוֹינֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ מִיט גֶעדוּלְד אוּן מִיט אַסַאךְ חָכְמָה אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן, אִים אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ זַיין עֶרְלִיךְ; מֶען זָאגְט אֵיין מָאל, אוּן נָאכְאַמָאל אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל בִּיז דִי קִינְדֶער וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. דָאס אִיז בַּיי אַלֶע זַאכְן, סֵיי וֶוען מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס וִוי אַזוֹי צוּ זַיין הֵיילִיג אוּן סֵיי מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען אַ קִינְד וִויל עֶסְן דַארְף מֶען אִים דֶערְמַאנֶען צוּ מַאכְן אַ בְּרָכָה; וֶועט אֵיינֶער קוּמֶען זָאגְן 'אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מַיין קִינְד

מַאכְט נִישְׁט קַיין בְּרָכוֹת, אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף מַאכְן אַ בְּרָכָה אוּן עֶר פָאלְגְט נִישְׁט'; וֶועל אִיךְ יֶענֶעם זָאגְן: "אִיךְ זָאג מַיינֶע קִינְדֶער צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת - נִישְׁט אֵיין מָאל, מִן הַסְתָּם טוֹיזְנְטֶער מָאל"; יֶעדֶער קִינְד בַּיי מִיר הָאט שׁוֹין זִיכֶער גֶעהֶערְט טוֹיזְנְטֶער מָאל: "אַ בְּרָכָה!" "מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן אָן אַ בְּרָכָה!" "אוֹיבּ מֶען עֶסְט אָן אַ בְּרָכָה גַנְבְ'עֶט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!" אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ זֵיי בִּיז זֵיי וַואקְסְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן.

הַכְּלַל, מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד צוּ רֶעדְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער, מֶען זָאל נִישְׁט נֶערְוֶועז וֶוערְן וֶוען מֶען זָאגְט זֵיי וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אָן אַ שִׁיעוּר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן זַיין פְּלַאץ אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן סְפָרִים שַׁאנְק אַן אַלְטֶע תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעווִיזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס טוּ אִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער וָואס קוּקְן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן קְדוּשָׁה. הַיינְט אִיז מִיר ווִידֶער אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, אוּן נָאכְ'ן שִׁיעוּר אִיז אַ

אִינְגְל צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא צְווֵיי קִינְדֶער וָואס זָאגְן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען צוּזַאמֶען אַ זֵייעֶר שְׁלֶעכְטֶע מַאווִי.

וָואס טוּט מֶען אִין אַזַא פַּאל?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר״י אֱמֹר), ד׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ב

**לִכְבוֹד הַמְּלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךָ אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם. מֶען קֶען נִישְׁט בַּאגְרֵייפְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ מְלַמֵּד, דִי מְלַמְּדִים הִיטְן דִי וֶועלְט, אוֹיף זֵייעֶר זְכוּת שְׁטֵייט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הֵייבְּט אָן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר אִין דִי הַקְדָּמָה (דַּף א): "מָאן מְקַיֵּם עָלְמָא", אוֹיף וֶועמֶענְס זְכוּת שְׁטֵייט דִי וֶועלְט? "וְגָרִים לַאֲבָהָן דְּאִתְגַּלְיָין", אִין וֶועמֶענְס זְכוּת וֶוערְן אַנְטְפְּלֶעקְט דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת? "קַל יְנוֹקֵי דְּלָעָאן בְּאוֹרַיְתָא", אִין דִי זְכוּת וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. "וּבְגִין אִנּוּן רַבְיָין דְּעָלְמָא", אִין דִי זְכוּת פוּן דִי קִינְדֶער, "עָלְמָא אִשְׁתְּזִב" - הִיט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי וֶועלְט. "לְקָבְלֵיהוֹן (שִׁיר הַשִּׁירִים א) תּוֹרֵי זָהָב נַעֲשֶׂה לָּךְ, אִלֵּין אִנּוּן יְנוֹקֵי רַבְיָין עוֹלְמִין", תּוֹרֵי זָהָב, דָאס זֶענֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "דִּכְתִיב (שְׁמוֹת כה) וְעָשִׂיתָ שְׁנַיִם כְּרוּבִים זָהָב".

ווּאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ רֶעדְסְט פוּן קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה; זָאלְסְט וַוייטֶער רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, שְׁמִירַת עֵינַיִם אוּן שְׁמִירַת הַדִּבּוּר. וֶועסְט זֶען עַל פִּי רוֹב נָאכְן רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אַז עֶס שְׁווִימְט אַרוֹיף מַעֲשִׂיּוֹת, קִינְדֶער קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וְכוּ׳. אַז אַ קִינְד אִיז דִיר גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן אַז קִינְדֶער קוּקְן עֲבֵירוֹת זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער, יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער, אוּן אוֹיסְפְרֶעגְן; וֶוען מֶען פְרֶעגְט אוֹיס קִינְדֶער דַארְף מֶען זֵיי וַוייזְן פוּן אֵיין זַייט שְׁטַארְקַייט, אוּן אוֹיךְ רַחְמָנוּת; דֶער קִינְד דַארְף וִויסְן

אַז עֶר הָאט גֶעטוּן אַן עַוְלָה, אָבֶּער נָאר אַז מֶען וַוייזְט אִים אַז עֶר קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר הָאט אַ וֶועג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט עֶר זִיךְ מוֹדֶה זַיין אוּן מֶען וֶועט אִים קֶענֶען מַאכְן פַאר אַ צַדִיק; אַז מֶען וַוארְפְּט אַ שְׁרֶעק, אַ מוֹרָא - קֶען זַיין עֶר וֶועט מוֹדֶה זַיין, אוֹיךְ קֶען זַיין אַז עֶר וֶועט פוּן יֵאוּשׁ גָארְנִישְׁט דֶערְצֵיילְן.

אַז דִי קִינְדֶער ווֶעלְן דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס גֵייט פָּאר - זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט קוּקְן עֲבֵירוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיף אַלֶעס מוֹחֵל, אָבֶּער בַּיי דֶעם אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט מַאֲרִיךְ אַף", אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כו, ה): "עַל הַכֹּל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַאֲרִיךְ אַפּוֹ, חוּץ מִן הַזְּנוּת", אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט וַוארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער ווֶוען עֶס קוּמְט צוּ נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן - דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט מַאֲרִיךְ אַף, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשְׁטְרָאפְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַ בִּיטֶערְן עוֹנֶשׁ.

אוֹיבּ עֶס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס - זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶּער נָאר אַז עֶס וֶועט הֶעלְפְן, זֵיי וֶועלְן הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער.

זַיי שְׁטַארְק, גֵיי אָן בַּיי דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

...

## אֶפְשָׁר זֶענְט אִיר מְעוֹרֵר אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן אַ שֵׁייטְל פַאר פְרוֹיעֶן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווֵייס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זוֹכְט נָאר דֶעם אֱמֶת לַאֲמִתָּהּ, אוּן דֶערִיבֶּער ווֶוענְד אִיךְ זִיךְ צוּ אַייךְ, אוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם דֶערְפוּן.

דִי זַאךְ שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן מִצְוֹת, אוּן אַסַאךְ מָאל זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס טְרַאכְטְן נִישְׁט וָואס דֶער אֱמֶתְ'עֶר רְצוֹן הַשֵּׁם אִיז מִיט דִי מִצְוָה, פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס בַּאפוֹלְן, אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ טוּן

שְׁטִיקֶעס אוּן טְרִיקְס זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן דֶערְפוּן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל דִי מִצְוָה פַּאר אַ פַארְהֵייראַטֶע פְרוֹי זִיךְ צוּצוּדֶעקְן דֶעם קָאפּ, פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָאס גֶעהֵייסְן? פַּאר צְוֵויי סִיבּוֹת, אֵיינְס אַז מֶען זָאל וִויסְן אַז זִי אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זִי זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, אוּן דִי צְוֵוייטֶע סִיבָּה אַבִּיסְל אַוֶועקְצוּנֶעמֶען פוּן אִיר שֵׁיינְקֵייט, עֶס זָאל נִישְׁט צִיעֶן דָאס אוֹיג פוּן פְרֶעמְדֶע. אָבֶּער דָאס וָואס עֶס פַּאסִירְט מִיט דִי הַיינְטִיגֶע שֵׁייטְלֶעךְ אִיז דָאךְ מַמָּשׁ פּוּנְקְט פַארְקֶערְט פוּנֶעם רְצוֹן הַשֵּׁם, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט מַעֲשִׂיּוֹת אַז מֶען הָאט אָנְגֶעטְרָאגְן שִׁידוּכִים פַּאר חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע פְרוֹיעֶן, מֵיינֶענְדִיג אַז זִי אִיז נָאךְ אַ מֵיידְל, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ בַּאהַאלְטְן אִיר שֵׁיינְקֵייט, אִיז עֶס פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, אַלְס מֵיידְל אִיז זִי נָאךְ גֶעגַאנְגֶען מֶער צוּזַאמְגֶענוּמֶען אֵיידְל דִי הָאר בִּצְנִיעוּת, אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה טוּט זִי זִיךְ אָן אַן אָפֶּענֶע שֵׁיינֶע שֵׁייטְל וָואס אִיז פִיל וֵוייניגֶער צְנִיעוּת'דִיג, מַמָּשׁ אַ שְׁרֶעק וִוי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס.

אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעהֶערְט אוֹיף אַ גֶעוִוויסֶער צַדִּיק פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אַסַאךְ יָארְן צוּרִיק, אַז זַיין טָאכְטֶער הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְטוּן דִי שֵׁייטְל אוּן אָנְטוּן אַ שְׁפִּיצְל, הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט אַז עֶנְדֶערְשׁ זָאל זִי בְּלַייבְּן מִיטְ'ן שֵׁייטְל אוּן וִויסְן אַז זִי אִיז נִישְׁט גוּט, אַזוֹי וֶועט זִי עֶס אֵיין טָאג אוֹיסְטוּן אוּן גֵיין גֶעהֶעריג צְנִיעוּת'דִיג אָפְּגֶעבִּינְדְן, וִוי אֵיידֶער אָנְטוּן אַ שְׁפִּיצְל וָואס הָאט פֶּעדֶעמֶער אַזוֹי וִוי הָאר אוּן זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז זִי אִיז שׁוֹין אִין אָרְדֶענוּנְג.

אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער הֶערְן אוֹיס אַייעֶרֶע דְרָשׁוֹת, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מְעוֹרֵר זַיין אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, אַז פְרוֹיעֶן זָאלְן זִיךְ אָנְטוּן דֶעם אֶמֶתְ'ן צְנִיעוּת-קְרוֹין, זִיךְ צוּדֶעקְן דֶעם קָאפּ אִינְגַאנְצְן, אוּן אַזוֹי אַרַיינְבְּרֶענְגֶען קְדוּשָּׁה אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָּה שְׁלֵמָה בְּקָרוֹב, אָמֵן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר״י אֱמֹר), ד׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וִויסְן זָאלְסְטוּ, גֵיין אַ טִיכְל אִיז זֵייעֶר עֶרְלִיךְ אוּן זֵייעֶר חָשׁוּב, אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ וָואס דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים מַנְהִיגֵי יִשְׂרָאֵל הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל.**

מוֹהֲרָא״ש דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גְעוֶוען אַז פְרוֹיעֶן זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אוּן גֵיין נָאר מִיט אַ טִיכְל. מִיט דֶעם אַלֶעם, פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט סַאטְמֶער אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן גֵייעֶן מִיט אֵייגֶענֶע אָפֶענֶע הָאר, הָאט דֶער צַדִיק גֶעזָאגְט: ״עֶנְדֶערְשׁ גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל וִוי אֵיידֶער צוּ גֵיין מִיט אֵייגֶענֶע הָאר״; אוֹיךְ אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל וִוי עֶס זָאל זִיךְ נָאר אַרוֹיסְשְׁטֶעקְן אַבִּיסְל אֵייגֶענֶע הָאר, דָאס אִיז דָאךְ אַ קְלָארֶע פַאקְט אַז דִי וָואס גֵייעֶן מִיט אֵייגֶענֶע הָאר צוּגֶעדֶעקְט מִיט אַ טִיכְל - גְלִיטְשְׁט זִיךְ אַרָאפּ דִי טִיכְל אוּן דִי הָאר וֶועט זִיךְ אַרוֹיס, אוּן דִי וָואס גֵייעֶן מִיט אַ שֵׁייטְל - בַּיי זֵיי אִיז דִי הָאר צוּגֶעדֶעקְט.

דִי אַלֶע וָואס פַארְפִירְן קֶעגְן שֵׁייטְלֶעךְ - מַאכְן נָאר חָרְבָּנוֹת; דִי אַלֶע נֵייעֶ אָנְשִׁיקֶענִישְׁן צְוִוישְׁן פְרוֹיעֶן וָואס רֶעדְן אוּן הֶעצְן קֶעגְן שֵׁייטְלֶעךְ - דִי זֶענֶען פַארְדַארְבֶּערְס, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען נָאר קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גְעוֶוען זֵייעֶר לֶעבְּן פַאר קְדוּשַׁת יִשְׂרָאֵל - בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּב אִיז נִישְׁט גְעוֶוען דִי זַאךְ פוּן הָאר אָדֶער שֵׁייטְל, בַּיי זֵיי אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען אָפְּגֶעשׁוֹירְן מִיט אַ טִיכְל; זֵיי הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם דוֹר, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען מַנְהִיגֵי יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְּן גֶעוִויסְט אַז אוֹיב וֶועט מֶען אַסְרְ׳ן שֵׁייטְלֶעךְ וֶועט מֶען גֵיין מִיט אֵייגֶענֶע אָפֶענֶע הָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן אַזוֹיפִיל טְרַאכְטְן פוּן גֶעלְט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק, סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי קוּרְצֶע "חִיזוּק יוֹמִי".

איך האב צוויי שאלות צו פרעגן בענין פרנסה און געלט: 1) אסאך מאל מאכט זיך אין מיין ביזנעס שטילע תקופות וואס עס איז דא ווייניג ארבעט און עס הויבט אן לויפן מחשבות אין מיין קאפ אז איך זאל רופן מענטשן, פרובירן צו טרעפן פרישע קאסטומערס, אבער איך קען זיך נישט נעמען דאס צו טון ווייל איך פיל אז פרנסה קומט פון באשעפער, און דער אייבערשטער דאגה'ט שוין פאר יעדנ'ס פרנסה, איז ממילא ווי קום איך זיך צו מישן, כאילו חס ושלום דער באשעפער דארף מיין הילף. מיין שאלה איז צי אפשר דארף איך יא אביסל רופן, עפעס טון און מאכן, אלס'ן צד פון טון "השתדלות"? וואס איז די ריכטיגע וועג אין דעם?

2) א גאנצן טאג טראכט איך וועגן מאכן געלט און מאכן נאך און נאך געלט, איך לויף צו די ארבייט מיט אזא חשק און איך פריי זיך אזוי מיט יעדע דאלער וואס איך מאך, איך ווייס אז עס איז נישט אידישליך אזוי שטארק צו ליגן אין תאוות הממון, און ספעציעל שטערט עס מיר אז אויב וויל איך לערנען אדער דאווענען און עס איז בשעת די שעות פון די ארבייט האב איך פשוט נישט די ישוב הדעת, ווייל עס איז דאך די צייט פון ארבעט; א גאנצן טאג טראכט איך פון געלט און געלט, מיין שאלה איז ווי אזוי קען מען זיך אפגעוואוינען פון אזויפיל טראכטן פון געלט?

יישר כח

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ד' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מִיט דַיין צְוֵוייטֶע פְּרַאגֶע וָואס דוּ פְרֶעגְסְט - וֶועלְט אַוֶועקְגֶענוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע פְּרַאגֶע; אַז דַיין גַאנְצֶע קָאפּ, מֹחַ מַחֲשָׁבָה לִיגְט אִין גֶעלְט, טָאג אוּן נאכְט טְרַאכְסְטוּ נָאר פוּן גֶעלְט - דַארְפְסְטוּ יֶעצְט ווִיכְטִיג הָאבְּן הִילְף גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן, אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע פְּרַאגֶע נִישְׁט נוֹגֵעַ יֶעצְט פַאר דִיר.**

**מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס סְפָרִים - וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן תַּאֲוַות מָמוֹן. דֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כג) **: "אֵלּוּ בְּנֵי אָדָם הַנּוֹפְלִים בְּתַאֲוַות מָמוֹן", דִי וָואס פַאלְן אִין דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט, "וְאֵינָם מַאֲמִינִים שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יָכוֹל לְפַרְנֵס אֶת הָאָדָם בְּסִבָּה קַלָּה", זֵיי גְלֵייבְּן נִישְׁט אַז**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען גֶעבְּן פַּרְנָסָה גְרִינְגֶערְהֵייט, "וְרוֹדְפִים אַחַר פַּרְנָסָתָם בִּיגִיעוֹת גְּדוֹלוֹת", זֵיי לוֹיפְן נָאךְ דִי גֶעלְט אוּן מוּטְשֶׁען זִיךְ זֵייעֶר פַאר דִי גֶעלְט, "וְהֵם אוֹכְלֵי לֶחֶם בְּעִצָּבוֹן", זֵיי זֶענֶען דֶעפְּרֶעסְטֶע מֶענְטְשְׁן, זֵייעֶר פַּרְנָסָה אִיז עַצְבוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "בְּעִצָּבוֹן תֹּאכְלֶנָּה", "וְעַצְבוּת הוּא מָרָה שְׁחוֹרָה", זֵיי זֶענֶען אִין מָרָה שְׁחוֹרָה, "אֵלּוּ בְּנֵי אָדָם נִקְשָׁרִים בְּפָנִים דְּסִטְרָא אָחֳרָא, אֱלֹהִים אֲחֵרִים, חֹשֶׁךְ, בְּחִינַת מִיתָה", דָאס אִיז דִי סִטְרָא אַחֲרָא, עֶס אִיז זֵיי אַלְץ פִינְסְטֶער, זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז טוֹיט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי" וְכוּ', אוֹיף זֵיי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק: "וּזְהָבָם לְנִדָּה", "הַיְנוּ בְּחִינַת עֲבוֹדַת אֱלִילִים", זֵייעֶר גֶעלְט אִיז אַ בְּחִינָה פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (שַׁבָּת פב.) "מִנַּיִן לַעֲבוֹדַת אֱלִילִים שֶׁמְּטַמֵּא כְּנִדָּה, שֶׁנֶּאֱמַר, 'תִּזְרֵם כְּמוֹ דָוָה'", אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן תַּאֲווֹת מָמוֹן אִיז נָאר דוּרְךְ דֶעם צַדִּיק, אַזוֹי פִירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס דִי תּוֹרָה: "כִּי רֹב הָעוֹלָם נִלְכְּדוּ בָּזֶה הַיְנוּ בְּתַאֲוַות מָמוֹן", רוֹב וֶועלְט אִיז גֶעכַאפְּט אִין תַּאֲווֹת מָמוֹן, "וְהַמָּמוֹן הוֹרֶגֶת וּמֵמִית אוֹתָם", דִי גֶעלְט הַרְגְ'עֶט זֵיי, "וְאִי אֶפְשָׁר לְהִנָּצֵל מִזֶּה כִּי אִם עַל יְדֵי הַצַּדִּיק", מֶען קֶען נִישְׁט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי תַּאֲוָה נָאר דוּרְךְ דֶעם צַדִּיק, וָואס אוֹיף אִים שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: "'טוֹב לִפְנֵי הָאֱלֹקִים יִמָּלֵט מִמֶּנָּה' וְכוּ' כַּנַּ"ל, אַשְׁרֵי לוֹ".

דֶערִיבֶּער, אַז דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין גֶעלְט, טָאג אוּן נַאכְט טְרַאכְסְטוּ פוּן גֶעלְט - דַארְפְסְטוּ הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זָאל דִיךְ רַאטֶעוֶועֶן. זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים כְּסִדְרָן, לֶערְן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן זָאג דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילּוֹת פוּן לִקּוּטֵי תְּפִילּוֹת - וֶועט דִיךְ דֶער רֶבִּי רַאטֶעוֶוען.

...

### וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים בַּיים חֵדֶר-פִירְן אִין טָאג פוּן חַאלַאקֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין זון וֶועט יֶעצְט דְרֵיי יָאר, מִיר גֵייעֶן אִים אָפְּשֶׁערְן און פִּירְן אִין חֵדֶר ווי דֶער מִנְהָג אִיז. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת אִיבֶּער דֶעם.

דֶער מִנְהָג אַז מֶען ווִיקֶלְט אַיין דָאס קִינְד אִין אַ טַלִית, אִיז נָאר אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם חֵדֶר, אָדֶער אוֹיךְ אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים?

בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן טָאג טָאר מֶען אִים נִישְׁט אַרוֹיסְלָאזְן פון הויז, אַז עֶר זָאל נִישְׁט זֶען וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ה׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מֶען פִירְט זִיךְ אַז מֶען ווִיקֶלְט אַיין אִין אַ טַלִית אוֹיפְ׳ן וֶועג צוּם חֵדֶר און אוֹיפְ׳ן וֶועג אַהֵיים פון חֵדֶר, אִים הִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן.**

**אוֹיךְ בְּרֶענְגְט מֶען נִישְׁט אִין שְׁטוּב אַ גוֹי׳טֶע אִינֶעם טָאג וָואס מֶען מַאכְט אִים פֵּאוֹת, מֶען הִיט דֶעם קִינְד עֶר זָאל נִישְׁט זֶען נִישְׁט אִידְן.**

**הָעִקָּר פַּארְגֶעס נִישְׁט וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן, מַאךְ נִישְׁט פון טָפֵל - עִיקָר, דָאס אִיז אַלֶעס שֵׁיינֶע מִנְהָגִים, אָבֶּער דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ און דַיין ווַייבּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טָאג און נַאכְט זָאלְן דַיינֶע לִיפְּן זָאגְן: ״יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אוּנְזֶער לֶעבְּן און פַאר׳ן זוֹכֶה זַיין צוּ מַאכְן פֵּאוֹת פַאר אוּנְזֶער קִינְד״, און בֶּעטְן אוֹיף ווַייטֶער.**

**אַ גוּט שַׁבָּת.**

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**תְּהִלִּים גֶעבְּט כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר״י אֱמֹר), א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּר,**
**שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**
**... תִּחְיֶ׳**

זָאגְט תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג - וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט תְּהִלִּים עֶפְנְט אַלֶע הִימְלֶען, תְּהִלִּים עֶפְנְט אַלֶע טִירְן, תְּהִלִּים גֶעבְּט כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, דֶער רֶבִּי זָאגְט: ״יֵשׁ עִנְיָן שֶׁיִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה״; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט דִי וָואס פַארְלָאזְן זִיךְ אוֹיף אִים.

...

**בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זָאל מֶען הָאבְּן גְרִינְג דָאס קִינְד**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר״י אֱמֹר), א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּר,**
**שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**
**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

מוֹהֲרַ״שׁ זָאגְט פַאר פְרוֹיעֶן וָואס וַוארְטְן אַז מֶען זָאל זָאגְן אִין דִי חֲדָשִׁים ״שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים״ - נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זָאל מֶען הָאבְּן גְרִינְג דָאס קִינְד. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב׳, סִימָן כ): ״עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע״, דוּרְכ׳ן דֶערְמַאנֶען דִי

נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע; זָאלְט אִיר זָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס אִיר גֶעדֶענְקְט אוֹיסְנֶווייניג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ, יַעֲקֹב אָבִינוּ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, יוֹסֵף הַצַּדִיק, דָוִד הַמֶּלֶךְ, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רַבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רַבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רַבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, מוֹהֲרָא"שׁ מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר זָאגְן דִי תְּפִלָּה:

"יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין דִי זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִיקִים, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר מְסִירַת נֶפֶשׁ, ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִּידִים; אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע'ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, יְ"יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

זַייט מַזְכִּיר אַלֶע זְכוּתִים פוּן אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר ווִי אִיר זֶענְט אַזוֹי גֶעטְרֵיי, אִיר זֶענְט מֵפִיץ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער פַאר אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן; בִּזְכוּת הַהֲפָּצָה זָאלְט אִיר הָאבְּן גְרִינְג, עֶס זָאל זַיין גְרוֹיסֶע נִסִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

...

## דִי סְגוּלָה פוּן זָאגְן מִזְמוֹר לְתוֹדָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר״י אֱמֹר), ב׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ב
לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דֶער דָאקְטֶער זָאגְט מֶען מוּז מַאכְן זִרוּז - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען פָאלְגְן אוּן מַאכְן, אָבֶּער אַז זֵיי שְׁלָאגְן פָאר, זֵיי הַאלְטְן עֶס אִיז בֶּעסֶער - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אוֹיסְוַוארְטְן.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ - וֶועט זַיין גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַוַדַאי דִי סְגוּלָה פוּן זָאגְן מִזְמוֹר לְתוֹדָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ב).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## טוּט וָואס אִיז בַּאקְוֶועם פַאר אַייךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר״י אֱמֹר), ג׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ב
לִפְרָט קָטָן
**מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; קוֹדֶם כָּל מִיר הָאבְּן סְפֶּעצִיעֶל אוֹיפְגֶענוּמֶען דְרֵיי פְּרוֹיעֶן, עֶס זָאל זַיין פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאקְוֶועם. דָאס הֵייסְט אוֹיבּ אֵיינֶער שֶׁעמְט זִיךְ פוּן דִי פְרוֹי זָאל מֶען קֶענֶען גֵיין מִיט אַ צְוֵוייטְן, אוּן אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט בַּאקְוֶועם מִיט קֵיינֶעם פוּן זֵיי, אִיר זֶענְט נִישְׁט בַּאקְוֶועם מִיט נָאנְטֶע מֶענְטְשְׁן, אִיר ווִילְט נִישְׁט דִי מֶענְטְשְׁן וֶועם אִיר קֶענְט וְכוּ׳ - קֶענְט אִיר גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז אַייךְ בַּאקְוֶועם.

צֶעקְלַאפְּט אַייךְ נִישְׁט, טוּט וָואס אִיז בַּאקְוֶועם פַאר אַייךְ; עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ זִיךְ צוּ שֶׁעמֶען צוּ גֵיין מִיט אַ מֶענְטְשׁ וֶועמֶען מֶען אִיז נָאנְט,

אוֹיךְ אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּ שֶׁעמֶען פוּן אַ נָאנְטֶע מֶענְטְשׁ, בֵּיידֶע וֶועגְן זֶענֶען נָארְמַאל; דִי פְּרוּיעֶן וָואס שֶׁעמֶען זִיךְ נִישְׁט פוּן בַּאקַאנְטֶע זֶענֶען נָארְמַאל, אוֹיךְ דִי וָואס שֶׁעמֶען זִיךְ פוּן בַּאקַאנְטֶע זֶענֶען אוֹיךְ נָארְמַאל; טוּט וָואס אִיז בַּאקְוֶועם פַאר אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶס אִיז נִישְׁט קַיין כְּבוֹד בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ רֵייכֶערְן אִין שׁוּל**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר״י אֱמֹר), ג׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ב

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבְּאַי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף כָּבוֹד בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין כָּבוֹד בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ רֵייכֶערְן אִין שׁוּל, אִיךְ רֶעד פוּן דִי עֶלֶעקְטֶערָאנִישֶׁע צִיגַארֶעטְל; מֶען קֶען נִישְׁט רֵייכֶערְן אִין שׁוּל אֲפִילוּ דִי עֶלֶעקְטֶערָאנִישֶׁע צִיגַארֶעטְל, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין כָּבוֹד בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

אִיךְ פְּלָאג זִיךְ מִיט דִי בָּחוּרִים; וִויפִיל אִיךְ זָאג אוּן אִיךְ בֶּעט - אַלְץ זֶענֶען זֵיי מִיט דֶעם אִין שׁוּל, עֶס אִיז אַ בִּזָיוֹן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

אַז דוּ זֶעסְט אִינְגֶעלַייט זִיצְן אוּן רֵייכֶערְן - זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֵייכֶערְן אִין שׁוּל, אָפְּגֶערֶעדְט צִיגַארֶעטְלֶעךְ, נָאר אֲפִילוּ דִי לֶעקְטֶערִיק צִיגַארֶעטְל.

זֶע מֶען זָאל נוּצְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ נָאר פַאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶרֶן הַדְפָּסָה אִיז דַיינְ׳ס פִּינְקְט ווי מַיינְ׳ס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר״י אֱמֹר), ד׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ב
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי קֶרֶן הַדְפָּסָה צִיט זִיךְ אַרִיבֶּער אִינֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ.

עֶס אִיז אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זֶען, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דְרוּקְן אִין יְשִׁיבָה פַאר אַפָּאר יָאר צוּרִיק. מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ קְלֵיינֶעם מַאשִׁין דְרוּקְן דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּבִּיסְלִיךְ הָאט מֶען זִיךְ פַארְבְּרֵייטֶערְט בִּיז מִיר גֵייעֶן זִיךְ שׁוֹין אַרַיינְצִיעֶן אִינֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן וָואס מֶען הָאט גֶעקוֹיפְט סְפֶּעצִיעֶל פַאר קֶרֶן הַדְפָּסָה, צוּ דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע יָארְן.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, מִיר דַארְפְן הָאבְּן הִילְף, מִיר קֶענֶען נוּצְן דַיין הִילְף בַּיים זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן; בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט זִיךְ מֶעלְדְן צוּ הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי יִצְחָק אַיְיזִיק רָאטְה, עֶר וֶועט דִיר זָאגְן וֶוען צוּ קוּמֶען, אוּן אַיינְטֵיילְן דִי אַרְבֶּעט פַאר וֶוער עֶס ווִיל הֶעלְפְן.

פַארְשְׁטֵיי גוּט, קֶרֶן הַדְפָּסָה אִיז דַיינְ׳ס פִּינְקְט ווי מַיינְ׳ס; אַז דוּ צִיסְט זִיךְ אַרִיבֶּער אַ דִירָה דַארְף אִיךְ דִיר נִישְׁט שְׁלֶעפְּן דַיינֶע פֶּעקְלֶעךְ, אַזוֹי אִיז יֶעצְט, קֶרֶן הַדְפָּסָה אִיז דַיינְס, עֶס אִיז נְכָסִים פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף צוּלֵייגְן אַ הַאנְט; מֶען קֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין מִיט דִי פָּאר אִינְגֶעלַייט וָואס אַרְבֶּעטְן יוֹמָם וָלַיְלָה מִיט דָאס גְרֶעסְטֶע מָאס גֶעטְרֵיישַׁאפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַנְטְלוֹיף פוּן דֶעם וָואס ווִיל דִיךְ צוּרֶעדְן זִיךְ צוּ גֶטְ'ן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים (באר"י אֱמֹר), ד' אִיָּר, י"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דַיין רָב רֶעדְט דִיר צוּ דוּ זָאלְסְט זִיךְ גֶטְ'ן פוּן דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' - זָאלְסְטוּ מֶער נִישְׁט גֵיין צוּ אִים; וֶוער עֶס זָאגְט מֶען זָאל זִיךְ גֶטְ'ן - פוּן אַזַא אֵיינֶעם דַארְף מֶען אַנְטְלוֹיפְן.

זַיי נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי מְנִיעוֹת, אַזוֹי גֵייט עֶס בַּיי אַלֶע פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים, מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג, מֶענְטְשְׁן רֶעדְן קֶעגְן בְּרֶסְלֶב; אַלֶע גֵייעֶן דָאס אַרִיבֶּער.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, עֶר עֶפְנְט דַיין הַאנְט אוּן קוּקְט 'וָואס הָאבּ אִיךְ אִין דִי הַאנְט?' אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז דֶער חֶשְׁבּוֹן זֵייעֶר פָּשׁוּט, אִין אַ קוּרְצֶע צַייט זֶעט מֶען זִיךְ לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשִׁים וְעוֹד, מֶען זֶעט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ, דֶער שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זִיס, אַלְס וֶוערְט זִיס; הָאט מֶען נִישְׁט קַיין בִּלְבּוּלִים פוּן קֵיינֶעם.

...

**אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט בַּיים דַאוֶונֶען, אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר"י אֱמֹר), ד' אִיָּר, י"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר'ן מִיר הֶעלְפְן קוֹיפְן דִי נֵייעֶ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר קָאנְטְרִי אִין לִיבֶּערְטִי. יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַאר'ן רֶבִּי'ן אִיז אוּנְזֶער תִּיקוּן, דָאס וֶועלְן מִיר מִיטְנֶעמֶען לָנֶצַח.

אַז מֶען דַאוֶונְט שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן; מֶען פִירְט זִיךְ אִין שׁוּל מִיט כָּבוֹד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֶעדְט נִישְׁט בַּיים דַאוֶונֶען - אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ. אִינְגֶעלַייט זֶעעֶן גְרוֹיס הַצְלָחָה דוּרְךְ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ

דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען און פַארְמַאכְן דֶעם טֶעלֶעפָאן.

נָאךְ אַ זַאךְ וָואס בְּרֶענְגְט שֶׁפַע - זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, מַאכְן פְרֵיילִיכֶע סְעוּדוֹת, זִינְגֶען און טַאנְצְן מִיט דִי קִינְדֶער.

...

**נִישְׁט זִיךְ נָאכְלָאזְן, נִישְׁט בְּלַייבְּן לִיגְן, נָאר זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר״י אֱמֹר), ד׳ אִיָר, י״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ, בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידוּת אִיז דִי אֵיינֶע וָוארְט: ״זִיךְ שְׁטַארְקְן״, נִישְׁט זִיךְ נָאכְלָאזְן, נִישְׁט בְּלַייבְּן לִיגְן, נָאר זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן.

מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט אוּנְז, עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַן עֶלְטֶערֶער בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר אִיד זַיין סִיפּוּר הִתְקָרְבוּת. עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין פּוֹילְן און גֶעזוּכְט אַ מִנְיָן מִנְחָה פַאר דִי שְׁקִיעָה, מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ דַאוֶוענֶען מִנְחָה פַאר דִי שְׁקִיעָה, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ שְׁטִיבְּל. הֶערְט עֶר דָארְט וִוי אֵיינֶער זָאגְט פַארְ׳ן צְוֵוייטְן: ״בְּרוּדֶער, בִּיסְט גֶעפַאלְן? הֵייבּ זִיךְ אוֹיף! דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מֶען פַאלְט הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף, כִּי נָפַלְתִּי קָמְתִּי״; דִי וֶוערְטֶער הָאט יֶענֶער אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל, דָאס הָאט פַאר דֶעם אִיד זֵייעֶר גֶעפָאלְן, עֶר הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד; אִיךְ דַארְף אַ רֶבִּי זָאל מִיר דָאס זָאגְן: ״בִּיסְט גֶעפַאלְן? הֵייבּ זִיךְ אוֹיף!״

בְּרוּדֶער, מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַזַא רֶבִּי.

...

**אַ שְׁוֶוער און שְׁוִויגֶער דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר״י אֱמֹר), ד׳ אִיָּר, י״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בַּאקוּם צוּרִיק פוּן דִיר זֵייעֶר שֵׁיינֶע גְרוּסְן; דַיין שְׁוֶוער און שְׁוִויגֶער הֶערְן מִיר נִישְׁט אוֹיף צוּ דַאנְקֶען, זֵיי הָאבְּן אַזוֹיפִיל נַחַת פוּן עֶנְק.

וֶוען דוּ טְרֶעפְסְט דַיין שְׁוֶוער און שְׁוִויגֶער זָאלְסְטוּ זֵיי מְכַבֵּד זַיין, אַ שְׁוֶוער און שְׁוִויגֶער דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין אַזוֹי וִוי טַאטֶע און מַאמֶע. וֶוען דַיין שְׁוֶוער רֶעדְט – זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטִיל, וֶוען זֵיי גֶעבְּן דִיר עֶסְן – זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר זֵיי; דָאס וֶועט מַאכְן עֶנְקֶער קֶשֶׁר שְׁטֶערְקֶער און שְׁטֶערְקֶער, דַיין וַוייבּ וֶועט ווערְן נֶענְטֶער צוּ דִיר וֶוען זִי וֶועט זֶען וִוי דוּ בִּיסְט מְכַבֵּד אִירֶע עֶלְטֶערְן.

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן יֶעדֶע וָואךְ אַ בְּרִיוו וִויפִיל דוּ לֶערְנְסְט; וִויפִיל פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וִויפִיל בְּלֶעטֶער גְמָרָא און וִויפִיל פוּן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים – וֶועסְטוּ מִיךְ זֵייעֶר דֶערְפְרֵייעֶן.

...

**דַיינֶע זִינְד זָאלְן דִיר נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין דֶערְנָאךְ**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר״י אֱמֹר), ד׳ אִיָּר, י״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

״בְּנִי, אִם יְפַתּוּךָ חַטָּאִים״, מַיין זוּן, אוֹיבּ זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְן דִיךְ אִיבֶּערְרֶעדְן צוּ טוּן שְׁלֶעכְטְס, ״אַל תֹּבֵא״, זָאלְסְטוּ זֵיי נִישְׁט נָאכְגֵיין (מִשְׁלֵי א, י).

רַשִׁ״י טַייטְשְׁט ״חַטָּאִים, חוֹטְאִים״ – זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, מִיטְ׳ן רֶבִּינְ׳ס הַקְדָּמוֹת קֶען מֶען זָאגְן פְּשַׁט ״חַטָּאִים״ – דָאס זֶענֶען דִי עֲבֵירוֹת אַלֵיינְס; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט: ״אִם יְפַתּוּךָ חַטָּאִים״, אוֹיבּ וֶועלְן דַיינֶע עֲבֵירוֹת דִיךְ

אַיינְרֶעדְן אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין פַארְפַאלְן, "אַל תִּבֵא", זָאלְסְטוּ זֵיי נִישְׁט נָאכְגֵיין, וַוייל עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג תְּשׁוּבָה טוּן, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, עֶר הָאט גֶעטוּן אַסַאךְ זִינְד - קֶען עֶר נָאכְאַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תנג): "אָט וִוי אִיר זֶעט מִיר, אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר זַיין דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵרָה, וָואלְט דָאס מִיר גָארְנִישְׁט אַרָאפּ גֶעוָוארְפְן, אִיךְ וָואלְט נָאךְ דֶעם גֶעוֶוען אַזוֹי אֵיין עֶרְלִיכֶער יוּד וִוי פְרִיעֶר, דֶער נָאךְ וָואלְט אִיךְ תְּשׁוּבָה גִיטָאן"; דָאס בֶּעט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "בְּנִי", מַיין קִינְד, "אִם יְפַתּוּךָ חַטָּאִים", אַז דַיינֶע זִינְד וֶועלְן דִיר אַיינְרֶעדְן 'דוּ בִּיסְט שׁוֹין סַיי וִוי דֶערְנָאךְ', אַזוֹי וִוי אַחֵר הָאט זִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט (חֲגִיגָה טו.): "הוֹאִיל וְאִיטְרִיד הַהוּא גַּבְרָא מֵהַהוּא עָלְמָא", וְוִיבַּאלְד אִיז בִּין שׁוֹין סַיי וִוי דֶערְנָאךְ, "לֵיפּוּק לִיתְהְנִי בְּהַאי עָלְמָא", לָאז מִיךְ נָאכְגֵיין דִי גְלִיסְטֶענִישְׁן פוּן מַיין הַארְץ אוּן טוּן עֲבֵירוֹת, "אַל תֹּבֵא", זָאלְסְט נִישְׁט אַזוֹי זָאגְן, דוּ קֶענְסְט אַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן, צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## הֶעלְף אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם נֵייעֶם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין בָּארָא פַּארְק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר"י אֱמֹר), ה' אִיָּר, כ' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

אַזוֹי וִוי מִיר צִיעֶן זִיךְ אַרַיין דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִינֶעם נֵייעֶם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין בָּארָא פַּארְק, ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם שׁוּל, מִיטְן נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען; מִיר קֶענֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין מִיטְ'ן שׁוּל נָאר אַז מֶען וֶועט נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן בַּיים דַאוֶונֶען.

בֶּעט בַּיי דִי גַבָּאִים אוֹיב דוּ קֶענְסְט קוֹיפְן אַ פְּלַאץ בַּיי מִזְרָח זַייט בַּיים וַואנְט, דָארְט וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ דַאוֶונֶען, נִישְׁט צוּ שְׁמוּעֶסְן. דָארְט

בַּיים דַאוונְט זֶעט מֶען נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, מֶען זֶעט נִישְׁט וֶוער עֶס קוּמְט אַרַיין, דָארְט וֶועסְטוּ נִישְׁט דַארְפְן קֵיינֶעם אוֹיפְנֶעמֶען; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ און נִישְׁט הֶעלְפְן חָרוּב מַאכְן.

נָאכְן דַאוֶועןֶ קֶענְסְטוּ יֶעדְן אוֹיפְנֶעמֶען און דֶערְצֵיילְן דַיינֶע מַעֲשִׂיוֹת, אָבֶער בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטוּם און טוֹיבּ.

...

פוּן דִי וִויכְטִיגֶע זַאכְן פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן אַ שׁוּל, אִיז צוּ הַאלְטְן זְמַנִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁשִּׁי פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר״י אֱמֹר), ה׳ אִיָּר, כ׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבְּאַי בֵּית הַמֶדְרָשׁ אֲשֶׁר בַּנַחַל, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט זֵייעֶר הַנָאָה פוּן דִי בְּרִיוו גֶעשְׁרִיבְּן פַאר גַבָּאִים, וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן נָאךְ.

אֵיינֶע פוּן דִי וִויכְטִיגֶע זַאכְן פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן אַ שׁוּל - אִיז זְמַנִים, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶעלְן דַאוֶועןֶ וֶוען מֶען אִיז קוֹבֵעַ אַ צַייט. בְּדֶרֶךְ כְּלַל קוּמֶען נִישְׁט מֶענְטְשְׁן צַייטְלִיךְ, דַארְף זַיין אַ גַבְּאַי אִין צַייט, אָדֶער דֶער גַבְּאַי דַארְף מְמַנֶּה זַיין אַ בַּעַל תְּפִלָּה וָואס זָאל אָנְהוֹיבְּן צַייטְלִיךְ. דֶער בַּעַל תְּפִלָּה דַאוֶוענְט גֶעשְׁמַאק, נִישְׁט כִיפֶּערְדִיג, נִישְׁט צִיעֶנְדִיג - דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

אוֹיךְ דַארְף מֶען זַיין שְׁטִיל בַּיים דַאוֶועןֶ, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן בַּיים דַאוֶועןֶ; נָאר אַזוֹי קֶען זַיין הַצְלָחָה.

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן בְּעֶזֶר הַשֵּׁם.

...

### עֶלְטֶערְן דַארְפְן אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ טוּן וָואס מֶען דַארְף

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁשִּׁי פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר״י אֱמֹר), ה׳ אִיָּר, כ׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַ בְּרִיוו פוּן דַיין וַוייבּ.

וָואס אִיז בִּכְלַל דִי פְּרַאגֶע, וָואס אִיז אַז עֶר וויל זִיךְ נִישְׁט אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער? מֶען טוט נִישְׁט וָואס מֶען וִויל, מֶען טוּט וָואס מֶען דַארְף טוּן. עֶנְקֶער אַרְבֶּעט אִיז אִים אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ טוּן וָואס מֶען דַארְף, יֶעצְט אִיז דִי צַייט, בַּיי דִי פִינְף יָאר - דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג.

וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער זָאגְן מִיר: ״אִיךְ וִויל נִישְׁט״, ״אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ״, וְכַדוֹמֶה, לֶערְן אִיךְ זֵיי אַז מֶען טוּט נִישְׁט נָאר זַאכְן וָואס מֶען וִויל אוּן וָואס מֶען הָאט לִיבּ, מֶען טוּט וָואס אִיז רִיכְטִיג.

גִיס אִים אָפּ נֶעגְל וַואסֶער; מַאךְ עֶס אִינְטֶערֶעסַאנְט. לוֹיבּ אִים אוּן הֵייבּ אִים אוֹיף, אוּן מַאךְ אִים פָאלְגְן.

...

### שֶׁעצְן אוּן לוֹיבְּן דֶעם מַאן וָואס פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁשִּׁי פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר״י אֱמֹר), ה׳ אִיָּר, כ׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיר זֶענְט דָאךְ אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ אַז אִיר הָאט אַ מַאן וָואס לֶערְנְט אוּן דַאוֶונְט, אַ מַאן וָואס פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; דָאס אִיז דָאךְ דִי זַאךְ וָואס יֶעדֶער חָלוֹמְ׳ט צוּ בַּאקוּמֶען. אִיר דַארְפְט אִים נָאר שֶׁעצְן אוּן לוֹיבְּן, אִים הֶעלְפְן נָאךְ מֶער לֶערְנֶען, אִים הֶעלְפְן אוֹיפְשְׁטֵיין פַּארְטָאגְס; וִויאַזוֹי קֶען אַ פְרוֹי הֶעלְפְן דֶעם מַאן אוֹיפְשְׁטֵיין פַּארְטָאגְס? אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ פְרִי, אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ פְרִי קֶען מֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר מַאן דַאוֶונְט און לֶערְנְט; ווִיפִּיל וָואלְטְן גֶעוָואלְט אַז זֵייעֶר שְׁטוּב זָאל זַיין אַזוֹי... דִי וָואךְ אִיז צוּ מִיר גֶעקוּמֶען אַ פְרוֹי, זִי הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, אִיךְ הָאבּ אִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּארוּאִיגְן. אִיר מַאן שְׁלָאפְט בִּיזְן טָאג אַרַיין, וֶוען זִי קוּמְט אַהֵיים פוּן דִי אַרְבֶּעט דְרֵייְדט עֶר זִיךְ נָאךְ אַרוּם צֶעבְּרָאכְן, עֶר כַאפְּט זַיין טַלִית וּתְפִילִין מִינוּטְן פַאר עֶס וֶוערְט נַאכְט; דִי פְרוֹי הָאט אַזוֹי גֶעוֵויינְט, אִיךְ הָאבּ אִיר פְּרוּבִּירְט צוּ בַּארוּאִיגְן, אַז אִיר מַאן אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, עֶר אִיז נָאר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, מֶען הָאט אִים אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, פוּן דֶעם קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען צוּ גֵיין דַאוֶונֶען, אָנְהוֹיבְּן דֶעם טָאג. אִיךְ הָאבּ אִיר מַדְרִיךְ גֶעוֶוען ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, און אִיר צוּגֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ זִי וֶועט אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן, קוּקְן גוּט אוֹיף אִים - וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ דָאס אַלֶעס אִיר זָאלְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז אַייעֶר מַאן לֶערְנְט, עֶר דַאוֶונְט, עֶר פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ און הָאט נִישְׁט קַיין כֵּלִים וְכַדוֹמֶה. און אִיר זָאלְט בֶּעטְן אַז אַייעֶר מַאן און קִינְדֶער זָאלְן אַלֶע זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, צַדִיקִים.

...

## חוֹבוֹת אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע סַכָּנָה פַארְ'ן מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים (באר"י אֱמֹר), ה' אִיָּר, כ' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט אַרַיינְצוּפַאלְן נָאכְאַמָאל אִין דִי גְרוּבּ פוּן חוֹבוֹת. חוֹבוֹת אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע סַכָּנָה פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, סַיי בַּיים לֶעבְּן און נָאכְן שְׁטַארְבְּן, מֶען דַארְף נָאכְאַמָאל מְגוּלְגָל וֶוערְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, עֶר ווִיל דִיר נִישְׁט וֵויי טוּן, עֶר ווִיל נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין אִין דִיר, אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר און גֶעוֵויינְט מִיט טְרֶערְן אִיךְ זָאל דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי אָפְּגְרוּנְד פוּן חוֹבוֹת.

גֵיי נָאךְ גֶעלְט, גֵיי הֲפָצָה, צָאל אָפּ דַיינֶע חוֹבוֹת אוּן גֶעעֶנְדִיגְט מִיט חוֹבוֹת, גֶעעֶנְדִיגְט מִיט קְרֶעדִיט קַארְדְס. הָאסְט מְזוּמָן - קֶענְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה, אָבֶּער חַס וְחָלִילָה בָּארְגְן גֶעלְט אָדֶער נוּצְן קְרֶעדִיט קַארְדְס פַאר צְדָקָה, זִיךְ גְרָאבְּן אַ גְרוּבּ פוּן חוֹבוֹת, אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן "מִצְוָה הַבָּאָה בַּעֲבֵירָה".

...

### דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ אַרוֹיסְצוּגֵיין זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן, אִיז בַּיי אַ צִיּוּן פוּן אַ צַדִּיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים (באר"י אֱמֹר), ה' אִיָּר, כ' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אַז דוּ וואוֹינְסְט אִין מָאנְסִי סָמוּךְ וְנִרְאָה צוּם צִיּוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְרִיבְּנִיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אַרִיבֶּערְכַאפְּן יֶעדֶע נַאכְט מִתְפַּלֵל זַיין בַּיים צִיּוּן, דֶער רֶבִּי זָאגְט בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים קֶען מֶען פּוֹעֶל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אִיךְ זָאג פַאר יוּנְגֶע קָאפְּלְס וָואס זוּכְן וואוּ אַרוֹיס צוּ גֵיין בַּיינַאכְט, זוּכְן וואוּ צוּ גֵיין זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן - גֵייט צוּ אַ צִיּוּן פוּן אַ צַדִּיק, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע אָוטִינְ"ג, מֶען פְרִישְׁט זִיךְ אוֹיף, אוֹיךְ פּוֹעֶל'ט מֶען יְשׁוּעוֹת.

פָאלְג מִיךְ, גֵיי מִיט דַיין וַוייבּ צוּם צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ, בֶּעט דָארְט פַאר דִיר, פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת אוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער. זָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, בַּיינַאכְט קֶענְסְטוּ דָארְט זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

נָא לְהַזְכִּירֵינִי, יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל.

...


בס״ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה״ג ר'
יואל רוטה
שליט״א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com



היסטארישע דורכברוך
אין די וועלט פון ערליכע
אידישע ליין מאטריאל!
הערליכע מעשיות דערציילט
דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א
כמה מעלות טובות
מַעֲשֶׂה'לֶעךְ
מעשה'לעך וועט אריינבאקן אמונה אין די קינדערלעך
מעשה'לעך וועט איינ- געוואוינען רעדן צו און פונעם אייבערשטן די מיילער פון די קינדערלעך
מעשה'לעך וועט אויפבויען די דרך ארץ און מידות טובות ביי די קינדערלעך
מעשה'לעך וועט ווייזן די ריכטיגע וועג פאר אייערע קינדער צו זיין ברסלב'ע קינדערלעך
מַעֲשֶׂה'לֶעךְ
#1
פאר קינדערלעך
ברסלב
די מעשה'לעך קינדער ביכל וועט בעזר ה' זיין צו באקומען
אין די נאנטע טאג ביי די מפיצים און ביי די קרן הדפסה.
קחו ברכה אל תוך בתיכם!